Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ṿinṭer

Brenner, Yôsēf Ḥayyîm
ברנר, יוסף חיים

Ṿarshe, 1936

דל.

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8203

Visual Library

## לד.

N. האט אויסגעזעזן ווי תמיד. דידאָזיקע מיאוסע און טומלדיקע שטאָט האָט, ווי אַלע שטעט מיט זייערע איינוואוינער, געלעבט איר לעבן. זי האָט גאָרנישט פארלוירן מיט מיין אוועקפאָרן און זי האָט זיך נישט געפרייט מיט מיין אנקומען...

רבקה לערנער האָט געליטן עלנט און נויט אויפן שרעקלעכסטן אופן. זי איז געווען הונגעריק, פארלאָזן, איינזאַם. קיין ארויסהעלפער האָט זי נישט געהאט. די באַלעבאָסטע פון איר דירה האט זי באַליידיקט. זי האָט געוויינט...

אָפט פלעג איך צו איר אַריינגיין אינדערפרי, אין איר צימער איז שמוציק און אומארדנונג. איר קלייד איז צעריסן און ברודיק, די האר זענען נאַכלעסיק פאַרפלאכטן. דאס פנים אירס איז ווייס, כמעט גרין...

זי רעט צו מיר מיט אַ נידעריקער און גלייכגילטיקער שטימע, אָן קיין שום קלאַנג: קיין פארמעגן האב איך דאָר נישט, וואס זאל מיר פארשטיינערן דאס הארץ. טא פארוואס-זשע פארנעם איך איר איינזאמקייט און מייד אוים איר וואוינונג? וועמען האט זי דען אַחוץ מיר?

איך פארעגטפער זיך, מיט וואס קען איך העלפן?...

– פונדעסטוועגן...

איך שווייג און אין האַרצן בין איך מודה, אז זי איז גערעכט מיט אירע שטראָפרייד, דער מענטש אנטלויפט פונם צער. און מיין צער, צוקוקנדיג איר וואוינונג און איר לעבן, איז ווירקלעך איבערגעשטיגען אלע גיהנום-פייניקונגען. און אנדערער וואָלט אנגערופן אזא מין געפיל – רחמנות, נאר איך

פלעג זיך שעמען מיט אים. איך האב געוואוסט וואס ער באטייט.

איך זיץ אין א ווינקל און שווייג, און זי קוקט אריין אינם בוך, וואס ליגט פאר איר, מיט א מינע, ווי עס האט א מענטש, ווען ער זיצט אן קיין שום באוועגונג און ער טראכט, אז מענטשן האלטן אים פאר א פארטיפטן אין געדאנקען. צומלעצט רירט זי זיך אויף. אפשר וויל איך א גלאז טיי?

— ניין.

— און איך ווייס, אז פון נעכטן אן האסטו גאר נישט געגעסן. ס'איז דאך אמת? איך וועל אנגיסן א גלאז טיי. נאר כא־כא! — איך בין דיך מכבד מיט טיי און האב גאר פארגעסן, אז איך האב נישט קיין צוקער, מ'דארף בארגן ביי דער באלעבאסטע. אבער... דערפאר בין איך רייך אין ברויט, כמעט אן אמתע קאפיטאליסטקע... א האלבן לאבן... ביז מארגן — צו דער זעט, און דערנאך ,.

איך דערמאן איר איר היים, און זי רעגט זיך אויף. נישטא קיין שום מעגלעכקייט, זי זאל זיך אומקערן אהין. איר קרובה, דאס מיידל, וואס וואוינט הי, איז פאר צוויי וואכן געווען אין איר היים־שטעטל און זי האט אלעמען דערציילט מיט וואס פארא בחורים „רבקהלע" האט א משא־מתן. אירע עלטערן האלטן זי איצט ערגער פאר א געשמדטע.

זי זיפצט אפ און גיט צו: איר קרובה, דאס מיידל... איך, פייערמאן, קען נישט ווי געהעריק דעם כאראקטער פון די פרויען. איך קען נישט זייער גרויסע שנאה, קנאה, אכזריות, נידעריקייט, קליינלעכקייט... זי האט א רעכט ארויסצוזאגן אזא מיינונג... זי איז אליין א פרוי... זי איז נישט ווי אן אנדערע...

און איך הער אויס אירע רייד, איך קוק אויף איר און דערמאן זיך אן י ע נ ע ר. יענע האט אלץ. יענע איז געליבט, גליקלעך; אירע „געדאנקען", געפילן, שטרעבונגען — אלץ איז נאר כדי איר צוצוגעבן מער חן, כדי צו מאכן זי נאך ליבער, נאך אינטערעסאנטער. זי וועט פארן אין דער

שיינער שווייצאַריע, ווייל זי וויל דאָרטן לעבן, לערנען דאַרף זי נישט: יעדעס וואָרט, וואָס זי וועט אַרויסלאָזן פון איר וואונדערשיין מויל, וועט די מענער געפעלן און זיי וועלן עס האַלטן פאַר אַ חכמה. משה שמערלס וועט זי שטיצן אויף צופּיקעניש זיך אַליין: זי איז שטאַרקער פון אים. דערנאָך וועט זי חתונה-האָבן און וועט געבוירן (בורסיפן, פאַרשטייט זיך) שיינע קינדער, וועלכע וועלן זיך קיינמאָל נישט מאַטערן און וועלן זיך באַנוצן מיט דער אַרבעט פון אַנדערע מענטשן. זי וועט ליגן אויף דער זאָפע, זי וועט זיך באַשעפטיקן, אָדער זי וועט זיך נישט באַשעפטיקן, מיט עפּעס אַ געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, זי וועט פאַרברענגען אַ גוטן טאָג און זי וועט מיינען, אַז זי איז אומגליקלעך, אַז זי פאַרזינקט אין לאַנגווײַליקייט, און זי איז דאָך אַזוי ווערט, אַזוי ראוי צו זיין גליקלעך!..

און בורסיף וועט פאַרדינען געלט.

און אַט דידאָזיקע?

יענע — איז ד י!..